# מסיבת השלושים פון הרבנית הצדיקת מפאפא ע"ה א"ח פון הרה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זצוק"ל אפגעראכטן בראשות כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א

דעם פארגאנגענעם דינסטאג נאכט איז אפגעראכטן געווארן ברוב עם הדרת מלך די מסיבת השלושים צו די פטירה פון הרבנית הצדיקת מפאפא ע"ה אשת חבר פון כ"ק אדמו"ר הרה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זצוק"ל בהיכל ביהמ"ד הגדול דפאפא בהשתתפות א גרויסן ציבור חסידי פאפא ווי אויך אירע חשובע קינדער און אייניקלעך בראשות כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א

נאך תפלת מעריב און ספירת העומר ברוב עם דורך כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א האט דער רבי שליט"א מסיים געווען ששה סדרי משנה וואס איז געלערענט געווארן דורך קהל חסידי פאפא. דערנאך האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש איבער די גוואלדיגע הכרת הטוב וואס חסידי פאפא דארפן האבן צו די רביצין עלי' השלום אויף די אויסערגעוועגליכע געטריישאפט וואס זי האט געהאט צו בעלה הקדוש זצ"ל און געשטאנען על המשמר אויף בריאות גופו הטהורה און וויאזוי זי איז געשטאנען לימינו הק' צו יעדע צייט, און מיט דעם געהאט א חלק כחלק אין זיין הייליגע עבודה די אלע יארן. דער רבי שליט"א האט ארויסגעברענגט איר ערליכקייט, איר אמונת צדיקים, אירע מעשי צדקה וחסד, ווי אויך האט דער רבי שליט"א דערציילט עטליכע סיפורים פון די פריערדיגע יארן איבער איר שטארקע פעולות אוועקצושטעלן די יסודות אויף וואס דער רבי זצ"ל האט געשטרעבט, און געבעטן זי זאל מתפלל זיין ממרום אויף די משפחה און די גאנצע בני חבריא.

דערנאך האט דער רבי שליט"א מכבד געווען איר חשובע אייניקל הרה"ג ר' אהרן ישעי' ראזנער שליט"א דומ"ץ סאמבאטהעלי בן גיסו הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א חתדב"נ פון הרה"ק מפאפא זצ"ל מיטן זינגען אב הרחמים.

דאן האט מען געהערט פאסיגע דברי זכרון פון בנה הגה"צ דומ"ץ פאפא שליט"א. דער דיין שליט"א האט שטארק ארויסגעברענגט איר ערליכקייט און תמימות. די ערנסקייט וואס האט כסדר געהערשט אין שטוב. ווי ווייט גשמיות האט כמעט נישט תופס מקום געווען. איר מסירות נפש אז דער רבי זצ"ל זאל קענען מרביץ תורה זיין מיט הרחבת הדעת אומגעשטערט.

דערנאך איז דער גאנצער ציבור אריבער ווינטשן לחיים פארן רבי'ן שליט"א ואחיו וגיסיו שליט"א.

דעם קומענדיגן מאנטאג ער"ח סיון וועט אי"ה פארקומען די מעמד הקמת המצבה בבית החיים אין קרית פאפא בשעה 6:30 נאכמיטאג. באסעס וועלן פארן בשעה 5:30 פון פאפא ביהמ"ד אויף בעדפארד עוועניו.

תנצב"ה





# הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע הי"ד בעל שערי הישר

## תולדותיו:

דער שערי הישר איז געבוירן געווארן אין יאר תרל"ה, צו זיין פאטער דער טל חיים פון ליסקא. דער גרויסע זיידע הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל אך פרי תבואה האט שוין פאראויס געזאגט איידער זיין געבורט "אז דא וועט געבוירן ווערן א "קארפטן קאפ"", דער שערי הישר איז טאקע געווען באוויסט מיט גאר א שארפע קאפ און א געוואלדיגע בעל מחדש שוין פון אלץ יונגל. דער גביר וטספר ר' יצחק אייזיק בערגער ז"ל פון ה'מאד האט זוכה געווען צו באקומען דעם עילוי פאר א איידעם. ט' אייר נאך דער פטירה פון זיין פאטער דער טל חיים, האט ער איבערגענומען דער נזר הרבנות פון 'ליסקא', וואס איז געווען פארקערפערט פון תורה און חסידות. דער אונגארישער קאנציליי אין בודאפעסט פלעגט שיקן צום שערי הישר די וואס זענען גרייט זיך צו לאזן פארהערען כדי צו באקומען א הורמנא. פערציג יאר האט ער געפירט עדת חסידיו ביז צו זיין אומקום עקד"ה אין אוישוויץ ז"ך אייר תש"ד, קוים עטליכע חדשים נאכוואס זיין זוהן כ"ק רבי יוזפא מליסקא זי"ע איז א חתן געווארן מיט בת כ"ק הגה"צ רבי אברהם יהושע העשיל זצ"ל הי"ד מהיבנוב-לובלין. מיט גרויסע חסדים און סייעתא שמיא האבן זיך דער חתן און כלה געטראפן, קורץ דערנאך האבן זיי חתונה געהאט און אריבערגעקומען קיין אמעריקא און פון דאסניי איבערגעפלאנצט 'ליסקא 'אין אמעריקא'.



## עובדא:

### כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא מליסקא האט אמאל דערציילט:

דער שערי הישר איז אמאל געווען אין פרעשבורג צוליב א ענין, זייענדיג דארט איז ער אריין כנהוג צום מרא דאתרא הגאון הגדול רבי עקיבא סופר זצ"ל בעל דעת סופר, וועלעכע האט אים אויפגענומען ביותרת הכבוד אויף א שטארקע אופן, דער פרעשבורגער רב האט אים דאן מכבד געווען מיט זאגן א דרשה פאר די גרויסע למדנים פון שטאט ווי אויך פאר די תלמידים פון זיין גרויסע ישיבה.

איידער דער שערי הישר האט אנגעהויבען זיין דרשה, האט ער מקדים געווען מיט געבן א זאג פאר דער פארזאמעלטע עולם: "עטס זאלטס וואוסן, אז לכבודו של מקום וועל איך בויען מיין דרשה אויסער אויף די ראשונים ואחרונים פארשטייט זיך, וועל איך בויען מיין פשעטיל נאר אויף די גדולי תורה וועלעכע האבן שייכות מיט די שטאט פרעשבורג".

דער עולם האט נישט פארשטאנען וואס דער שערי הישר מיינט מיט דעם צו זאגן, אבער שפעטער מער אריין אין די טיפזיניגע פשעטל וואס האט אנגעהאלטן עטליכע שטונדעס, אזוי איז געווען דער מנהג ווען ס'געקומען א רב פון דער פרעמד וואס דער מרא דאתרא האט מכבד געווען מיט א דרשה האט מען זיך נישט אזוי געאיילט, אדרבא דאס איז געווען זייערע פארוויילונג אונטערהאלטונג צו הערן מגידות און א שיינע לומדישע פלפול. דער שערי הישר האט זיי געגעבען א מתנה אויף דער זייט אז ער האט געבויעט זיין פשעטיל און גענוצט די חידושים פון רבי משולם איגרא, מהר"ם ביב"ר, חתם סופר, כתב סופר, די אלע זענען געווען רבנים אין די לעצטע פופציג צו הונדערט יאר אין פרעשבורג.

פרעשבורג איז געווען א עיר ואם בישראל, ביי דעם דרשה זענען געזעצן און זיך צוגעהערט ערנסטע תלמידי חכמים, בעלי תריסר, ווי אויך די תלמידים פון דער בארימטע פרעשבורגער ישיבה, האבן אסאך פון זיי געזאגט ביים ענדע פון די דרשה: "ווייניג מענטשן האבן געקענט מיטהאלטן", און זיי האבן מיט א שטארקע צופרידנהייט געמוזט געבן א שמייכל, זאגענדיג: "ס'קומט א פרעמדע רב און ער קען אונזערע רבי'ס תורות מער ווי אונז קענען זיי אליינס, ער האט אויפגעבויעט דאס גאנצע פשעטיל, געפרעגט און אפגעפרעגט, און זיך מפלפל געווען נאר אויף זייערע ווערטער".

## תורה:

מנין אפילו אחד שעוסק בתורה ששכינה עמו שנאמר בכל מקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך (ברכות ו.). דארף מען פארשטיין ווי אין דער פסוק איז דאס מרומז. נאר 'רצון' איז בגימטריא 'שמו', דער תורה איז שמו של הקב"ה, דער רצון פון דער באשעפער איז אז מען זאל עוסק זיין אין תורה אזוי ווי ס'שטייט "ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה", אין דאס איז מרומז אין דער פסוק 'בכל מקום אשר אזכיר את שמי' דאס מיינט צו זאגן יעדעס מאל וואס דו וועסט לערנען, ווייל התורה שמותיו של הקב"ה, וואס דאס איז דעם אייבירשטנ'ס רצון, דעמאלס 'אבא אליך'.


כולל וויליאמסבורג

Mailing Address:
Kollel Williamsburg
199 Lee Ave. #725 Brooklyn, NY 11211

Main Location:
Kollel Williamsburg
280 Rodney Street Brooklyn, NY 11211

Tel: (718) 388-1109

א משנה און א הלכה א טאג
אויף א קלארן אידיש

דורך א טעגליכן אי-מעיל אויף אייער קאמפיוטער
אדער סיי וועלכע טעכנאלאגישע כלי וואס נעמט אי-מעיל

שליסט אייך אָן - פריי פון אָפּצאָל
מיט טויזענטער אידן וואס לערנען דעם סדר

דורך שיקן אייער אי-מעיל צו:
kolelw@gmail.com



לימוד כל המשניות הוא דבר גדול וקבלה בידי שאינו רואה פני גהינום
(שם הגדולים בשם השל"ה הק')

תנא דבי אלי' כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עוה"ב
(אלי' זוטא פרשה ב')